**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו אונטערדרוקן די אומלעגאלע קאנאביס מארקעט אין ניו יארק סטעיט אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024**

***נייער געזעץ גיבט מער מאכט פאר די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג און פאר די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ צו קענען אונטערנעמען שריט קעגן אומלייסענסירטע געשעפטן***
***שטראפן רעכענען אריין קנסות פון ביז אזויפיל ווי $20,000 פער טאג***

***OCM קען קאנפיסקירן פראדוקטן און פארלאנגען פון געריכט צו אפשפארן אומלעגאלע געשעפטן;***
***DTF קען ארויסגעבן קנסות און שטראפן פאר די אומבאצאלטע שטייערן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א נייער געזעץ צו פארגרעסערן די ציווילע און שטייער שטראפן פאר אומלייסענסירטע און אומלעגאלע פארקויפונגען פון קאנאביס אין ניו יארק אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024. דער געזעץ – וואס איז צום ערשט פארגעשלאגן געווארן דורך די גאווערנער אין מערץ – גיבט מער אינפארסירונג מאכט פאר די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM) און פאר די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Taxation and Finance, DTF) צו קענען אינפארסירן די נייע רעגולאציעס און פארמאכן געשעפטן וועלכע זענען פארמישט אין אומלעגאלע פארקויפונגען פון קאנאביס.

"אזוי ווי ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארשטעלן איר לאנד'ס-פירנדע מוסטער מיטן אויפשטעלן איר קאנאביס אינדוסטריע, וועלן די קריטישע אינפארסירונג מאסנאמען באשיצן ניו יארקער פון אומלעגאלע, אומרעגולירטע פארקויפונגען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אומלייסענסירטע געשעפטן פארלעצן אונזערע געזעצן, זיי שטעלן די פובליק געזונטהייט אין סכנה און מאכן שאדן פאר די לעגאלע קאנאביס מארקעט. מיט די אינפארסירונג מיטלען, פלאסטערן מיר אויס די וועג פאר זיכערערע פראדוקטן, אז מיר זאלן קענען צוריק אינוועסטירן אין קאמיוניטיס וועלכע האבן געליטן פון יארן פון אומיושר'דיגע אינפארסירונג און מער געלעגנהייטן פאר ניו יארקער."

דער געזעץ גיבט מער מאכט פאר די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג און פאר די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ צו קענען אונטערדרוקן דאס פארקויפן און/אדער פארטיילן קאנאביס פון אומלייסענסירטע געשעפטן און טרעקלערך אריבער ניו יארק סטעיט. נעמליך וועט די ענדערונג צו דעם סטעיט געזעץ ערלויבן די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג צו נעמען אין באטראכט צו ארויפלייגן ציווילע שטראפן אויף אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער וועלכע ווערן איבערהאקן זייערע אונטערנעמונגען, מיט קנסות פון ביז אזויפיל ווי $20,000 א טעג פאר די הארבסטע פארלעצונגען. דער געזעץ מאכט דאס אויך פאר פארברעכן צו פארקויפן קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן אן א לייסענס.

אין צוגאב וועט דער געזעץ פארשטערקערן די מעגליכקייטן פון די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג צו דורכפירן רעגולאטארישע אינספעקציעס פון ביזנעסער וועלכע פארקויפן קאנאביס און קאנאביס

פראדוקטן און אזוי אויך פון ביזנעסער וועלכע פארקויפן און פארטיילן קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן און אומדירעקטע וועגן, ווי צום ביישפיל אזוי-גערופענע "סטיקער שאפּס". די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג וועט קאנפיסקירן נישט געטעסטע קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן פון אומלייסענסירטע ביזנעסער, און זיי וועלן פארלאנגען געריכט באפעלן צו פארשפארן און ארויסווארפן ביזנעס טענאנטס וואס פארקויפן קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן אן די פארלאנגטע לייסענס.

די דעפּארטמענט פון שטייערן און פינאנץ וועט יעצט קענען דורכפירן רעגולאטארישע אינספעקציעס פון ביזנעסער וועלכע פארקויפן קאנאביס צו באשטימען אויב די פארלאנגטע שטייערן זענען באצאלט געווארן, און זיי וועלן קענען ארויפלייגן ציווילע קנסות אין פאל וואס די פארלאנגטע שטייערן זענען נישט באצאלט געווארן. דער געזעץ וועט דאס אויך מאכן פאר א שטייער שווינדל פארברעכן פאר ביזנעסער וועלכע מאנען במזיד נישט איין אדער גיבן צוריק די פארלאנגטע קאנאביס שטייערן, אדער ביזנעסער וועלכע פארמאגן סיי וועלכע קאנאביס וואס זיי ווילן פארקויפן אויף וועלכע שטייער דארף באצאלט ווערן און זיי ווייסן אז עס איז נישט באצאלט געווארן.

**אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קריס אלעקסאנדער, האט געזאגט,** "היינט האט די סטעיט אונטערגענומען א וויכטיגע טריט צו באשיצן די פובליק געזונטהייט פון ניו יארקער און צו שטיצן אונזער סטעיט'ס וואקסנדע קאנאביס אינדוסטריע. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול, סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריא סטוּארט-קאָזינס און אסעמבלי ספיקער קארל היעסטי פארן ארויסווייזן זייער איבערגעבנקייט צו אוועקשטעלן די מערסטע יושר'דיגע קאנאביס מארקעט אינעם לאנד. דער היינטיגער געזעץ וועט פאראויס שטופן די ציהלן דורכן גיבן פאר די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עכטע מאכטעט צו קענען אפשפארן ביזנעסער וועלכע פרובירן זיך צו ארויסדרייען פון אונזערע געזעצן און צו זיכער מאכן אז קאמיוניטיס וועלכע זענען פארשפראכן געווארן צו באקומען אינוועסטירונגען פון די שטייערן ווערן נישט אנטוישט."

**ניו יארק סטעיט צייטווייליגער קאמישאנער פון שטייערן און פינאנץ, אמענדע הילער, האט געזאגט,** "פארשטערקערן שטייער געזעצן אין פארבינדונג צו די קאנאביס אינדוסטריע און ערמעגליכן פעסטע און יושר'דיגע אינפארסירונג וועט העלפן די אינדוסטריע זיין ערפאלגרייך פאר די לאנגע טערמין."

די OCM האט געשאנקען 165 לייסענסעס ביז היינט, מיט נאך מער פלאנירט צו געגעבן ווערן דעם חודש ביי די קומענדיגע זיצונג פון די קאנאביס קאנטראל באורד (Cannabis Control Board). עס זענען יעצט דא אכט ערפאלגרייכע קאנאביס געשעפטן און איין דעליווערי אפעראציע אין די סטעיט, ארייננרעכענענדיג נאָן-פראפיטס, ביזנעסלייט און א ביזנעס אין אייגנטום פון א פרוי אין מאנהעטען און אין קווינס, ביזנעסלייט אין איטעקע און סקענעקטעדי, א נאָן-פראפיט אין בינגהעמטאן, און אזוי אויך די סטעיט'ס ערשטע דעליווערי ביזנעס אין אלבאני, און נאך געשעפטן וועלן זיך עפענען אין די קומענדיגע וואכן און חודשים. אלע רעגולירטע, לייסענסירטע געשעפטן זענען מחוייב צו אויפהענגען די 'געשעפט פעסטשטעלונג כלי' (Dispensary Verification Tool) נעבן די הויפט אריינגאנג.

אום אפריל 18 האט גאווערנער האקול אנאנסירט די עפענונג פון א קאמפיין אונטערן קעפל " Why Buy Legal New York" (פארוואס צו קויפן לעגאלערהייט - ניו יארק) צו אדווערטייזן זיכערערע, קלוגערע און לעגאלע איינקויפונגען פון קאנאביס פון לייסענסירטע געשעפטן אין ניו יארק סטעיט. די פובליק אויפקלערונג קאמפיין גיבן אינפארמאציע איבער וויאזוי צו טרעפן לעגאלע געשעפטן אין ניו יארק און עצות וויאזוי צו נוצן קאנאביס זיכערערהייט. מאטעריאלן זענען פארעפנטליכט אויף: https://cannabis.ny.gov/consumers.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418